אויף תיכף ארויסצוגעבן: 4/29/2025 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער האקול מעלדט די אנהויב פון אויפבוי אויף 101-יוניט צוגענגליך וואוינונג דעוועלאפמענט אין וועין קאונטי

### *59 מיליאן דאלאר צופאסיגע איבער נוץ פון היסטארישע Reed Manufacturing Company פאבריק און אפיס פלאץ ריהאביליטירט צוויי פון לאנג ליידיגע געביידעס*

### *דיוועלאפמענט איז געשטיצט דורך ניווארק'ס טראנספארמאטיווע שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו געשאנק*

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן די אנהייב פון אויפבוי אויף קאווענטרי קאממאנס (Coventry Commons), א 59 מיליאן דאלאר פראיעקט שאפענדיג 101 צוגענגליכע אפארטמענטס אין די היסטארישע געוועזענע Reed Manufacturing Company'ס פאבריק און אפיס פלאץ אין וועין (Wayne) קאונטי'ס ווילעדש פון ניוארק (Newark). אין די לעצטע פינף יאר, האט די ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע באנייאונג (Homes and Community Renewal, HCR) אויפגעבויעט אדער פרעזערווירט 400 צוגענגליכע דירות אין וועין קאונטי. קאווענטרי קאממאנס גייט ווייטער מיט די באמיאונגען און איז אריינגערעכנט אין גאווארנער Hochul’s (האקול'ס) 25 ביליאן דאלאר פינף-יאר וואוינונג פלאן וואס וועט מאכן אדער אפהיטן 100,000 עפארדעבל היימען איבער די סטעיט. מער ווי 60,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

"די לעזונג צו די וואוינונג קריזיס וועלכע האט באטראפן אונזערער געמיינדעס איז צו בויען מער הייזער." **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "קאווענטרי קאממאנס וועט טוהן דעס און נאך פאר די ווילעדש פון ניווארק. די דיוועלאפמענט וועט טראנספארמירן א ליידיגע היסטארישע ארט אין 101 צוגענגליכע אפארטמענטס, און איז א וויכטיגע באשטיינדל אין די אנגייענדיגע אויפלעבונג פון די ווילעדש'ס שטאט צענטער קארידאר. ווען אונז שטרעבן צו אנטוויקלן נאך צוגענגליכע וואוינונג געלעגנהייטן איבער די סטעיט, אונז זענען דאנקבאר פאר אונזער מיטארבעט מיט צערטיפירטע פרא-וואוינונג געמיינדעס (Pro-Housing Communities) ווי ניווארק וועלכע פארשטיין די ווערד פון אינוועסטירן אין די צוקונפט פון ניו יארק.

די היסטארישע קאמפלעקס, וועלכע איז אויסגערעכנט אין די סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס פון היסטארישע פלעצער, איז ליידיג זייט 2005 און אנטוויקעלט  דורך א געמיינזאמע אינטערנעמונג מיט Housing Visions און New CDM, LLC. Reed Manufacturing איז געווען באקאנט נאציאנאל פארן פראדוצירן הויכע-שטאפל ענאמעל געשיר וועלכע איז געווען פאפולער אין סיי שטיבער און שפיטעלער. די פלאץ באשטייט פון א דריי שטאקיגער 1903 ליימענע פאבריק געביידע וועלכע וועט אנטהאלטן 96 אפארטמענטס און א צוויי שטאקיגער ליימענע אפיסגעביידע וועלכע וועט אנטהאלטן פיעף אפארטמענטס. אלע אפארטמענטס ביי קאווענטרי קאממאנס זענען אוועק געלייגט פאר הויזגעזינדער וועלכע פארדינען ביז 80 פראצענט פון די עריע מידיען אינקאם.

די אנטוויקלונג פון קאַוונטרי קאממאנס איז געשטיצט דורך ניווארקס שטאטצענטער אויפלעבונג איניציאטיוו סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן ( Downtown Revitalization Initiative Strategic Investment Plan), וועלכע צילט צו טראנספארמירן שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע שטעלן צו א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט.

אויפבוי פון קאַוונטרי קאממאנס וועט אויך אריינעמען פארבעסערונגען צו אן עקזיסטירנדע אויפן ארט שפיל פלאץ. איינוואוינער וועלן האבן צוטריט צו א פיטנעס צימער, באלק סטארעדש פלאץ, קא-ארבעט צימערן און אומזיסטע ווײ פײַ דורכאויס די קאמפלעקס.

די שטארק-ענערגיע עפיציענט, גענצליך עלעקטריק דיוועלאפמענט איז אויסגעשטעלט צו נאכקומען ריינע ענערגיע איניציאטיוו עקזיסטירענדע געביידעס און ענערפרייז גרינע געמיינדעס ( Clean Energy Initiative Existing Buildings and Enterprise Green Communities ) סטאנדארטן, מיט עפיציענץ מאסנאמען אריינגערעכנט לופט-טייט אויפבוי, נאטיווע טריקעניש טאלערירנדע פלאנצונגען און הויץ פאמפ טעכנאלאגיע פאר סיי ארט קאנדישענינג און דאמעסטישע הייס וואסער הייצונג.

סטעיט פינאנצירונג פאר קאַוונטרי קאממאנס נעמט אריין סטעיט און פעדעראלע נידריגע איינקונפט האוזינג טעקס קרעדיטס וועלכע וועט אויפטרייבן 27.9 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 10.7 מיליאן דאלאר אין סובסידיס פון די ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג ( Homes and Community Renewal). די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation) האט באקומען ערלויבעניש צו נוצן פעדעראלע און סטעיט היסטארישע צוריקבוי שטייער קרעדיטס וועלכע זענען ערווארטעט צו צושטעלן 11.5 מיליאן דאלאר אין עקוויטי. עמפייר סטעיט דיוועלאפמענט האט צוגעשטעלט 2 מיליאן דאלאר אין שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו פינאנצירונג. די דיוועלאפמענט בעניפיטירט אויך פון איבער 1.2 מיליאן דאלאר אין ריינע ענערגיע איניציאטיוו (Clean Energy Initiative), א צאמארבעט צווישען HCR און NYSERDA וועלכע שטעלט צאם די דיוועלאפמענט און אפהיטונג פון צוגענגליכע וואוינונגען מיט ניו יארק'ס צוגענגליכע און גלייכע אריבערגאנג צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע.

**ניו יארק סטעיט היימען און געמיינדע אויפרישונג קאמיסיאנער RuthAnne Visnauskas (רוטעננע וויסנאוסקעס) האט געזאגט,** "קאַוונטרי קאממאנס איז א שיינענדע ביישפיל פון וויאזוי אונז קענען אדרעסירן ניו יארק'ס וואוינונג קריזיס דורך טראנספארמירן א ליידיגע, היסטארישע פראפערטי צו וויבראנטע, צוגענגליכע היימען. די 59 מיליאן דאלאר פראיעקט טוט נישט נאר פרעזערווירן א שטיקל פון ניווארקס רייכע היסטאריע, נאר טוט אויך שאפן 101 ענערגיע-עפיציענט היימען פאר ארבעטענדע פאמיליעס אין א אויפגעלעבטע שטאטצענטער, פארשטערקערענדיג די געמיינדע פאר יארן צו קומען. א דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר נאכאנאנדע שטיצע פון דיוועלאפמענט וועלכע פארבעסערט צוגענגליכקייט, טראנספארמיט געגענטער און היט אפ שטיקער פון אונזער זטעיט'ס היסטאריע."

**ניו יארק סעקרעטערי אוו סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאסלי) האט געזאגט,** "די שטאטצענטער אויפלעבונג איניציאטיוו טוט אטענען נייע לעבן אין געמיינדעס און העלפט צו אדרעסירן די סטעיט'ס וואוינונג קריזיס דורך שעפערישע פראיעקטן ווי קאַוונטרי קאממאנס. איינמאל פארענדיגט, די צוגענגליכע וואוינונג דיוועלאפמענט וועט ברענגען די ווילעדש פון ניווארק איין טריט נענטער צו עררייכען איר וויזיע פון ווערן א מער וויבראנטע און לעבבארער געמיינדע."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארש און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA ) פרעזידענט און CEO Doreen M.**

**Harris (דאירן מץ העריס) האט געזאגט,** "דורכאויס ניו יארק סטעיט, געבידיעס הונדערטע יארן אלט ווארטן צו ווערן רעסטארירט צו דינען זייער דעמיינדעס אין א נייע וועג, אזוי ווי אונז זעהן דא אין די ווילעדש פון ניוארק מיט די טראנספארמאציע פון די געוועזענע Reed Manufacturing Company'ס פאבריק. די לאנדמארק געביידע וועט ווערן אויסגעשטעלט מיט נאכהאלטיגע אויפבוי סטאנדארטן און מאדערנע עפיציענץ טעכנעלאגיע, ברענגענדיג נייע לעבן צו די ליידיגע פלאץ און שאפן א ריינע און צוגענגליכע וואוינונג אפציע פאר די איינוואוינער פון וועין קאונטי."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,**
"גאווערנער Hochul (האקול'ס) אנגייענדע שטאטצענטער אויפלעבונג איניציאטיוו אינוועסטירונגען ברענגן נייע לעבן צו געמיינדעס איבערן סטעיט. די טראנפסארמאציע פון די געוועזענע פראדוצירונג געביידע שפיגלט אפ די אדמיניסטראציע'ס פארפליכטונג צו אפהיטן ניו יארק היסטאריע ווען אויפבויען איר צוקונפט, דורך שאפן צוגענגליכע וואוינונג, עקאנאמישע וואוקס און נייע געלעגענהייטן פאר גענעראציעס צו קומען."

**ניו יארק סטעיט פארקס, פארוויילונג און היטארישע פערזעווירונג קאמיסיאנאר פרא טעמפראע Randy Simon (רענדי סיימאן) האט געזאגט,** " דורך נוצן אינסענטיוון ווי די סטעיט און פעדעראלע היסטארישע ריהאבילאציע שטייער קרעדיט פראגראם, געמיינדעס דורכאויס די סטעיט נוצן זייער דיוועלאפמענט פראיעקטן צו אויפטרייבן העכערע ווירקונג ווען שאפן וויבראנטע, צוריקבאקומענע פלעצער. טרעפן מיטארבעטער צו קאלאבערירן אויף איניציאטיוון וועלכע העלפן אדרעסגירן געברויכן ווי צוגענגליכע וואוינונג העלפט מאכן די פלענער א ריאליטעט און האט א זאפארטיגע ווירקונג אויף די לעבענס פון ניו יארקער. מיר זענען גערהערט צו זיין א טייל פון די באמיאונגען."

**Housing Visions פרעזידענט און CEO Ben Lockwood (בען לאקוואוד) האט געזאגט,**
"Housing Visions & NEW CDM זענען פריילעך צו צושטעלן די ווילעדש פון ניוארק מיט א הויך ווירקענדע דיוועלאפמענט וועלכע טוט ווידער באנייען אן אמאליגע ווערדפולע פארמעגן אין 101 אפארטמענטס אין א 3-מינוט שפאציר פון מעין סטריט."

**NEW CDM, LLC פרעזידענט און דירעקטאר פון ביזנעס אנטוויקלונג Christopher Pisanti (קריסטאפער פיסאנטי) און Cory Bendekovic (קארי בענדעקאוויטש) האבן געזאגט,** "ראטעווען די היסטארישע געביידע און עס איבערנוצן צו נאכקומען א ריכטיגע געברויך אין די געמיינדע איז געווען ביים הארץ פון קאוועטרי קאממאנס פון די ערשטע טאג. די פראיעקט פרעזערווירט א וויכטיגע שטיקל פון ניוארקס אמאל ווען שאפענדיג נייע געלעגענהייטן פאר איר צוקונפט. אונז זענען גאר שטארק דאנקבאר פאר די איבערוועלטיגע שטיצע אונז האבן באקומען - נישט נאר פון סטעיט און לאקאלע מיטארבעטער, וועלכע טיילן מיט די וויזיע פון וואס די פלאץ קען נאכאמאל ווערן, נאר פון די איינוואוינער פון ניוארק, וועמענס עקסטאז און מוטיגונג האבן געטריבן די באמיהונג יעדער טריט פון די וועג."

**ווילעדש פון ניוואַרק מעיאר Jonathan Taylor (דשאנאטאן טעילאר) האט געזאגט,** "אונז זענען גאר פריילעך צו האבן די קאווענטרי קאממאנס פראיעקט ברעכן גרונט. ניוארק האט א געברויך פאר וואוינונגען פאר יונגע פראפעסיאנאלן און די וועלכע וואלטן געוואלט זיך עלטערן אויפן פלאץ. קאווענטרי קאממאנס וועט זיין א גרויסע טריט פאראויס צו אנפילן די וואוינונג געברויכן אין די געמיינדע. די Reed Manufacturing איינריכטונג איז איינמאל געווען א שטרובעלענדע האב פון ביזנעס, און אונז זענען פריילעך צו זעהן איר אויפלעבונג און צוריקקער צו פראמינענס אין אונזער ווילעדש. אונז וואלטן געוואלט באדאנקען די גאווערנער און די אלע מיטארבעטער וועלכע מאכן קאווענטרי קאממנס א ריאליטעט."

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

גאווערנער Hochul (האקול) איז איבערגעגעבן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע היימער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער.

די פיסקאלע יאר 2025 אקטיווע בודשעט פארשטערקערט אויך די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם וועלכע די גאווערנער האט אנגעהויבן אין 2023. דאס האבן סערטיפיקאציע אלס פרא וואוינונג געמיינדע איז יעצט א תנאי פאר לאקאלע רעגירונגען צו קענען באקומען פון די ביז 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט רעגירונג האט שיקול הדעת. צום דאטום באלד 300 געמיינדעס זענען באשטעטיגט געווארן, אריינגערעכנט די ווילעדש פון ניווארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן